# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:08
מוצאי שב"ק......................9:40

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................קהלת ה'-ו'
בבלי.........................יבמות צ"ו
ירושלמי.........שבועות כ"ו
תוספתא......................נגעים ח'
רמב"ם.........................כלים י"ז

פרשת נשא, י"ב סיון, אבות פרק א', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 41 (556)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"א), אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים הָאבְּן. דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר נִישְׁט, דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד, פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן", אַ אִיד דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן וִויסְן אַז עֶר אִיז יָא זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר טוּט, מַאכְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ע"ב), דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק, פַאלְט אוֹיף זֵיי אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, זֵיי פִילְן זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, וַוייל כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים צַדִיק, דַארְף מֶען קוֹדֶם דוּרְכְגֵיין שְׁוֶועריִקֵייטְן. דֶערִיבֶּער דַארְפְן דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק, זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק פָארִיגֶע וָואךְ "נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת" הֵייבּ אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי בְּנֵי קְהָת, שְׁטַארְק זֵיי, זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, צוּם הֵיילִיגְן מִשְׁכָּן, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי מְחַזֵק זַיין.

זָאגְט אָבֶּער דֶער פָּסוּק אוֹיךְ "נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם", דִי בְּנֵי גֵרְשׁוֹן זֶענֶען אוֹיךְ נָאנְט צוּם מִשְׁכָּן, זֵיי דַארְף מֶען אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן מְחַזֵק זַיין. "לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם", זֵיי זָאלְן וִויסְן פוּן וָואסֶערֶע חָשׁוּב'ע מִשְׁפָּחָה זֵיי שְׁטַאמֶען. זֵיי זָאלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל זֵיי צוּבְּרֶעכְן, נָאר זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקְן אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה, נָשֹׂא א')

יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן אוּן אָפְּהִיטְן. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, ה) יְבָרֶכְךָ ה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט. (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ג), וְיִשְׁמְרֶךָ, אוּן אָפְּהִיטְן פוּן מַזִיקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ח), בֶּאֱמֶת וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט, נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָה וָואס דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מִדָה, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען פַארְלִירְן גֶעלְט, קֶען מֶען זִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין דֶערוֹיף.

דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה אִיז "כַּעַס". כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, וֶוען מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעט אַז עֶס דַארְף יֶעצְט אַרָאפְּקוּמֶען הַשְׁפָּעוֹת פוּן גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט, פַארְלִירְט עֶר זַיין גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערֶעגְט בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַזִיקִים, וָואס זֵיי זֶענֶען אִים מְצַעֵר אוּן מַאכְן שָׁאדְן זַיין גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "יְבָרֶכְךָ ה' בְּמָמוֹן" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אָבֶּער עֶס פֶעלְט נָאךְ אוֹיס "וְיִשְׁמְרֶךָ מִן הַמַּזִּיקִין" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן דִי מַזִיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן כַּעַס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה נָשֹׂא ג')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט
### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דִי שִׂיחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנב): "אָמַר: הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ טוֹב תָּמִיד [גָאט אִיז תָּמִיד גוּט], אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, ט): "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אַלֶעמֶען. מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר (אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מִכְתָּב ד' אֲלָפִים תשנה) אַז לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס קוּמְט דֶער רֶבִּי דָא מְחַדֵשׁ זַיין, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אַזוֹי אִין פָּסוּק?! נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקֵייטְן גֵייט עֶר אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין, עֶר הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן אַז יֶעצְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים וְכוּ' וַוייל עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט חַס וְשָׁלוֹם וְכוּ', אוֹיף דֶעם קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט: "גָאט אִיז 'תָּמִיד' גוּט", עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז וְכוּ'.

מוֹהֲרָא"שׁ פַארְצֵיילְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כט, מִכְתָּב ד' אֲלָפִים תשו) אַז אַ אִיד הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְן רֶבִּי'ן אוֹיף זַיין שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה: "גָאט אִיז תָּמִיד גוּט", אוּן מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַוֶועק גֶענוּמֶען אַלֶע זַיינֶע קַשְׁיוֹת.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי עֶר שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְזֶען אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ. אַדְרַבָּה, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט דֶעם שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "גָאט אִיז תָּמִיד גוּט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תֵצֵא תשע"ח)

## א גוט ווארט

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, פַּחַד, ח"ב, ג): "מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ", וֶוער עֶס אַנְטְלוֹיפְט פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען - אִיז קְלוּג; נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא צָרָה וִוי מַחְלוֹקֶת, עֶס רַייסְט דָאס הַארְץ צוּ זֶען וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיט'ן צְוֵוייטְן; פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ קְרִיגְן? פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ פַיינְט הָאבְּן? זָאל יֶעדֶער אֵיינֶער גֵיין צוּ זַיין אֱמֶת, זָאל יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְן אַז זַיין רֶבִּי אִיז אַ חַד בְּדוֹר; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ צְוִוישְׁן זִיךְ, דֶער זָאגְט "מַיין רֶבִּי אִיז אַ חַד בְּדָרָא", דֶער אַנְדֶערֶער שְׁרֵייט: "מַיין רֶבִּי אִיז אַ חַד בְּדָרָא"; וָואס דַארְף מֶען זִיךְ קְרִיגְן? וָואס אִיז שְׁלֶעכְט מִיט צְוֵויי חַד בְּדָרָא'ס? דְרֵיי חַד בְּדָרָא'ס? לָאז יֶעדְן אֵיינֶעם גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס צִיט אִים, אַ פְּלַאץ וָואס בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ פוּן מַחְלוֹקֶת; קִינְדֶער וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט וֶוען זֵיי הֶערְן וֶועגְן מַחְלוֹקֶת, אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ נָאר רֶעדְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן צַדִיקִים; בִּפְרַט בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת - דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, דֶעמָאלְט רֶעדְט מֶען פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִיטְן דִי מִצְוֹת; דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן בַּיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת פוּן פָּאלִיטִיק, פוּן מַחְלוֹקֶת בַּיי חֲסִידִים, פוּן לֵיצָנוּת אוֹיף דֶעם רֶבִּי'ן, אוֹיף יֶענֶעם רֶבִּי'ן - דִי קִינְדֶער וֶוערְן צֶעמִישְׁט, עֶס קֶען פִירְן צוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"ב)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער גְרַאפָאלָאגְיֶע?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ שׁוֹין לַאנְג, מִיט בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ הָאט מֶען אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַ גְרַאפָאלָאג אוּן מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן יֶעדְן אֵיינֶעם אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אַ תּוֹרָה אוּן עֶס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ שְׁטוֹינֶענְד וִוי עֶר הָאט צוּגֶעטְרָאפְן יֶעדְן אֵיינֶעם זַיינֶע נַאטוּרְן, מְשׁוּגַעַת'ן, מִשְׁפָּחָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. בַּיי מִיר הָאט עֶר אָבֶער גֶעזָאגְט אַז ווַייל אִיךְ שְׁרַייבּ אַזוֹי אַז סוֹף שׁוּרָה אִיז נִידְרִיגֶער וִוי דִי אָנְהוֹיבּ, מֵיינְט דָאס אַז מַיין לֶעבְּן וֶועט גֵיין בַּארְג אַרָאפּ.

עֶס גֵייט כִּמְעַט נִישְׁט דוּרְךְ אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען פוּן דֶעם, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ וֵוייס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט וֶועגְן גְרַאפָאלָאגְיֶע אַז עֶס אִיז סְתָּם דִמְיוֹנוֹת, אִיךְ קֶען דָאס אָבֶער נִישְׁט אַרוֹיסְקְלַאפְּן פוּן קָאפּ. וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּיר, מ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דִי חָכְמָה פוּן לֵיינֶען יֶענֶעמ'ס שְׁרִיפְט - אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן; עֶס אִיז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ'.

דָאס וָואס מֶען זֶעט וִוי זֵיי טְרֶעפְן צוּ, זֵיי זָאגְן פּוּנְקְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט אוּן טְרַאכְט וְכוּ' וְכוּ'; וֶוער נִישְׁט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּצוּטְרֶעפְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל וָואס מֶען זָאל נָאר זָאגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ - וֶועט מֶען צוּטְרֶעפְן. מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן, מֶען קֶען אִין אֵיין מֶענְטְשׁ אַלֶעס צוּטְרֶעפְן.

מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מִכְתָּב ה' תיט): "וּמַה שֶׁקּוֹלְעִים אֶל הַשַּׂעֲרָה בְּדִיּוּק מַה שֶּׁקּוֹרֶה אֵצֶל הַזּוּלַת", דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז זֵיי טְרֶעפְן צוּ אוֹיפְ'ן הָאר וָואס עֶס פַּאסִירְט בַּיי יֶענֶעם, זָאגְט מוֹהֲרַ"אשׁ: "הַיּוֹם זֶה קַל מְאוֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּצוּטְרֶעפְן; הֶער אַ לָשׁוֹן פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ: "כִּי מַה שֶּׁרַק לֹא יַגִּידוּ", וָואס מֶען זָאל נָאר נִישְׁט זָאגְן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ: "מִסְכֵּן הָאִישׁ עָבַר עַל זֶה וְכוּ' וְכוּ'", - אִיז נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער אוֹיף אִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, זִיכֶער נִישְׁט מִיט דִי צֶעדְרֵייטֶע זַאךְ פוּן לֵיינֶען אַ שְׁרִיפְט; קוּק חִידוּשֵׁי תּוֹרָה פוּן אַלֶע צַדִּיקִים, בַּיי רוֹב פוּן זֵיי וֶועסְטוּ זֶען אַז דִי שׁוּרוֹת גֵייעֶן אַרָאפּ; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעזוֹיגְן פוּן דִי פִינְגֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם מְקוֹר, נִישְׁט פוּן דִי תּוֹרָה אוּן נִישְׁט פוּן קְדוּשָּׁה; עֶנְדֶערְשׁ לֵייג אַרַיין דַיין קָאפּ אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, חַזֵּר אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיטָאמַאטִישׁ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן; אֱמוּנָה הֵייבְּט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אֱמוּנָה בְּרֶענְגְט אַ זִיכֶערְקֵייט אִינֶעם מֶענְטְשׁ; וִוי מֶער מֶען חַזְר'ט אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען זִיכֶער בַּיי זִיךְ, בִּיז מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרַ"אשׁ דֶערְצֵיילְט אוּנְז, עֶר פְלֶעגְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד; אָנְהוֹיבּ הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דָאס אוּן פוּן יֶענְץ, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּנְטֶערְזִינְגֶען וֶוערְטֶער פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן סד): "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה - שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם"; עֶר הָאט דָאס גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעזִינְגֶען, עֶר הָאט דָאס גֶעזִינְגֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן, יֶעצְט זִינְגְט עֶר דָאס אִין גַן עֵדֶן אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ זִינְגֶען; דָאס זָאלְסְטוּ זִיךְ זִינְגֶען טָאג אוּן נַאכְט: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים" - וֶועסְטוּ וֶוערְן שְׁטַארְק מִיט זִיךְ אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"ב)

<<<<<< נייעס

יום טוב פון איבעראל, שוין אנגעהויבן מיט'ן "שבת דרך ארץ", דער שבת וואס פירט אריין צום הייליגן יום טוב.

אויף שבת קודש האט דער ראש ישיבה שליט"א נישט געדאווענט אינעם גרויסן שול אויף די האשקי גאס, נאר ער איז געגאנגען מחזק זיין די אנדערע שולן.

פרייטאג צו נאכטס האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט אין בית המדרש "אשר בנחל" אויף די דענמאן גאס, א גרויסער עולם איז געקומען צום דאווענען, דער דיין שליט"א האט געדאווענט מנחה פאר'ן עמוד, און צו קבלת שבת איז צוגעגאנגען דער ראש ישיבה שליט"א וואס האט געדאווענט מיט גרויס געשמאק, און דערנאך געציילט דעם לעצטן טאג פון ספירת העומר, "היום תשעה וארבעים יום, שהם שבעה שבועות לעומר", מיט גרויס התעוררות.

שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט אין בית המדרש "עצתו אמונה", וואס געפונט זיך אויף די טווין ברידש גאס. אויך דארט איז זיך צוזאמגעקומען א שיינע ציבור. צו פסוקי דזמרא איז צוגעגאנגען הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א, א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א. א הערליכע נעימות'דיגע שחרית האט מען געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א, און מוסף האט געדאווענט פאר'ן עמוד מו"ה שאול חיים איינהארן הי"ו.

נאכ'ן דאווענען איז געווען א קידוש, און אויך האט מען צוגעשטעלט זיך צו וואשן, אזוי ווי מען האט געדארפט צעטיילן די סעודה צו עסן שלש סעודות. דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך געוואשן אויף לחם משנה, געגעסן א שטיקל פיש, מען האט געזינגען "אסדר לסעודתא", און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט סיפורי מעשיות.

מען האט געלערנט מעשה ה', "דער בן מלך פון דיאמאנט שטיינער", און דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט שיינע לימודים וואס מען קען ארויסנעמען פון די מעשה אויף למעשה. אן ערליכער איד, א ברסלב'ער חסיד, וואס רעדט צום אייבערשטן און דינט דעם אייבערשטן, קען מען נישט אלץ דערקענען פון אינדרויסן דער חילוק צווישן אים און א צווייטן, אבער ווען ער צעשנייט זיך, ווען ער גייט דורך שוועריקייטן אין לעבן, דעמאלט קומט ארויס וואס עס ליגט אין אים באהאלטן, מען זעט ווי שיין ער דערהאלט זיך, ער שרייט נישט און שעלט נישט, ער נעמט עס אן באהבה און בעט דעם אייבערשטער ער זאל געהאלפן ווערן, אזוי ווי מיר זעען אין די מעשה ווען דער בן מלך האט זיך צעשניטן דעם פינגער, איז ארויסגעקומען די אבנים טובות וואס איז געווען באהאלטן אין אים.

אויך זעט מען אין די מעשה די שעדליכקייט פון קנאה, חז"ל זאגן אז א מענטש וואס איז מקנא וועלן זיינע ביינער פארפוילט ווערן, בפשטות גייט עס ארויף אויף נאכדעם וואס ער שטארבט, מוהרא"ש האט אבער ערקלערט אז דאס איז נאך ביים לעבן, קנאה איז אזא שעדליכע זאך פאר'ן מענטש, עס עסט אים אויף די ביינער, ער צעגייט לעבעדיגערייט, עס הרג'ט אים דאס לעבן. דער ראש ישיבה האט אויך זייער שיין אויסגעשמועסט די כח פונעם רבי'ן, אז א מענטש קען זיין פאר'כישופ'ט אין אלע סארט תאוות און משוגעת'ן, אבער דורכ'ן רבי'ן קען ער ארויסגיין פון זיין פאר'כישופ'קייט, פון זיין קרעץ, און נישט נאר דאס, נאר דורכ'ן רבי'ן קען מען זוכה זיין צו תשובה מאהבה, די קרעץ וועלן ווערן איבערגעדרייט צו אבנים טובות, צו זכויות.

דערנאך האט מען געזינגען "ברוך ה' יום יום", און מען האט מכבד געווען מיט'ן בענטשן מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א, מנהל המוסדות.

אויפ'ן וועג אהיים פון בית המדרש, א וועג פון א שעה צייט, איז א גרויסער עולם מיטגעגאנגען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, עס איז געווען גאר שיינע שמועסן, מען האט זיך מחזק געווען מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן. אינמיטן וועג האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אפגעשטעלט עטליכע מאל און געפרעגט די קינדער, "ששש, קינדער וואס הערט איר?" האבן די קינדער זיך צוגעהערט א מינוט און געזאגט אז מען הערט די קוויטשקען פון די פייגלעך, האט דער ראש ישיבה ממשיך געווען, "און וואס הערט מען אין שטאט? ווילדע גוי'אישע מוזיק"... און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט, "דא אין שטעטל הערט מען די קול פונעם אייבערשטן".

שבת פארנאכטס איז מען זיך צוזאם געקומען אין די גרויסע שול אויף האשקי צו תפלת מנחה, עס האט געדאווענט פאר'ן עמוד מו"ה יעקב הלל פארקאש הי"ו, מען האט געליינט קריאת התורה, און מען האט זיך געגרייט אריינצוטרעטן אינעם פרייליכן און הייליגן יום טוב שבועות.

- **ערשטע נאכט יום טוב**

נאך פולע 49 טעג וואס מיר האבן געציילט ספירה, מען האט געווארט און געבענקט אויפ'ן יום טוב שבועות, עס האט זיך גערוקט א טאג נאך טאג נענטער און נענטער צו קבלת התורה, האט מען ענדליך זוכה געווען צו דעם תמימות תהיינה, ווען מען שטייט גרייט מקבל צו זיין די הייליגע תורה.

במשך דעם גאנצן יום טוב האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט אלע תפלות אינעם גרויסן שול, וואס מען האט ספעציעל מסדר געווען לכבוד יום טוב צו קענען אריינעמען דעם גרויסן עולם.

נאך מנחה האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אויפגעשטעלט רעדן אפאר ווערטער איבער די גרויסקייט פון דעם הייליגן נאכט אין וואס מען גייט אריין, דער אר"י הקדוש זאגט אז דער נאכט זאל מען אויסנוצן ווי עס דארף צו זיין, אויפזיין די גאנצע נאכט, און אריינכאפן תורה און תפלה און זאגן דעם תיקון ליל שבועות. עס זענען דא ערליכע אידן וואס פירן זיך נישט צו רעדן די גאנצע נאכט ביז אינדערפרי נאך כתר, מען דארף אבער אכטונג געבן אז דאס זאל נישט צעשטערן דעם יום טוב, אויב מ'קומט אהיים און מען רעגט זיך "נו נא"... מען מאכט אן אנגעצויגנקייט אין שטוב, האט מען גארנישט אויפגעטון מיט דעם, דער עיקר איז צו רעדן נאר גוטע זאכן, דיבורים פון אמונה, דיבורים פון התחזקות, און דאס גלייכן.

מוהרא"ש שרייבט אין לוח ברסלב אז שבועות ביינאכט זענען אלע הימלען אפן, מען קען זיך אויסבעטן אלע גוטע זאכן. מען דארף נישטווארטן ביז סוף נאכט ווען דער קאפ איז שוין נישט אויפ'ן פלאץ פאר מידקייט, נאר גלייך אנהויב נאכט ביי מעריב קען מען שוין אנהויבן זיך אויסבעטן אלעס גוטס פאר די גאנצע יאר.

יעדער איד קען זוכה זיין מקבל צו זיין די הייליגע תורה, די עשרת הדברות הויבט זיך אן "אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים", פאר וועמען האט דער אייבערשטער געגעבן די תורה? פאר די אידן וואס זענען יעצט ארויס פון מצרים, פון די מ"ט שערי טומאה, נישט קיין חילוק ווי ווייט א איד איז פארפאלן, קען ער זיך אלץ אויפהויבן און אנהויבן דינען דעם אייבערשטן. הרה"ק מראפשיץ זי"ע האט געטייטשט מיט דעם "תחלה למקראי קודש", גלייך ווען א איד וויל ווערן הייליג, און דער יצר הרע קומט און רעדט אים אפ אז ס'איז נישט פאר אים ווייל ער האט שוין געטון אסאך עבירות, "זכר ליציאת מצרים", זאל ער זיך דערמאנען פון יציאת מצרים, אזוי ווי דער אייבערשטער האט מקרב געווען די אידן וואס זענען געווען איינגעזינקען אין די שרעקליכע טומאה פון מצרים, אזוי קען יעדער איד אויך ארויסגיין פון זיין אייגענע מצרים צו יעדע צייט.

גלייכצייטיג האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון זיין אום יום טוב שבועות ביים קיבוץ פון אנשי שלומינו, וואס דאס איז גאר א גרויסע זאך, און דאס וועט זיכער ברענגען אלעס גוטס פאר יעדן איינעם.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעגאנגען צו מעריבית, און געדאווענט מיט גרויס

געשמאק און השתפכות הנפש. נאכ'ן דאווענען איז דער עולם אהיימגעגאנגען עסן סעודת יום טוב.

- **תיקון ליל שבועות**

נאך די סעודה איז דער ציבור זיך צוזאמגעקומען צום תיקון ליל שבועות, יעדער האט געלערנט זיינע שיעורים, און אומגעפער אום צוויי אזייגער האט דער גאנצער עולם געזאגט דעם תיקון אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. ווי עס איז איינגעפירט אין היכל הקודש זאגט מען דעם קורצן תיקון, וואס דאס איז נאר די ערשטע און לעצטע פסוק פון יעדע פרשה פון די תורה און נ"ך, און דערנאך די תרי"ג מצוות, ווען אינצווישן זינגט מען ווארעמע בענקעדיגע ניגונים, זיך בעטנדיג ביים אייבערשטן "והאר עינינו בתורתך ודבק לבינו במצותיך", און אזוי ווייטער הארציגע ניגונים אויף אידיש, מיט תפלות און רצונות צו ווערן נאנט צום אייבערשטן און צו זיין הייליגע תורה.

אין א בריוו יעצט פאר יום טוב צו א גבאי בית המדרש היכל הקודש האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געשריבן, "מיר קומען זיך צוזאם שבועות ביינאכט ארום איינס אזייגער, מיר זינגען אביסל לכבוד יום טוב, נאכדעם זאגן מיר אינאיינעם דעם "תיקון ליל שבועות", אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען פון מוהרא"ש; מיר זאגן די ערשטע פסוק פון יעדע פרשה און די לעצטע פסוק פון יעדע פרשה, נישט מער און נישט ווייניגער. אזוי גייען מיר פון תורה צו נביאים און פון נביאים צו כתובים, פון יעדן ספר זאגן מיר אינאיינעם הויך אויפ'ן קול. ווען מיר ענדיגן תורה זינגען מיר א ניגון, און ווען מיר ענדיגן נביאים זינגען מיר, אזוי יעדעס מאל זינגען מיר. נאכדעם זאגן מיר תרי"ג מצוות; מיר זינגען נאך יעדע הונדערט מצוות א ניגון כדי דער עולם זאל נישט איינשלאפן. אז עס בלייבט איבער צייט רעד איך אפאר ווערטער, נאכדעם גייען מיר אין א טאנץ, און ביים עלות השחר גייען מיר אין מקוה. איך שרייב דיר דאס אלעס ווייל דו האסט מיר געבעטן אז דו ווילסט וויסן ווי אזוי צו מאכן ביי ענק אין בית המדרש. אבער איך וויל דיר קלאר שטעלן אז עס דארף נישט זיין פונקט אזוי, מיר מאכן אזוי ווייל אזוי ארבעט זיך אויס ביי אונז, דו מאך ווי אזוי עס ארבעט זיך אויס ביי ענק; מען דארף נישט נאכמאכן די זאכן. איין זאך דארף מען אכטונג געבן, גבאים דארפן זען אז יעדער מתפלל, יעדער איד וואס האט נאר אריינגעטראטן אינעם שול - זאל יענעם גוט זיין, יענער זאל זיין פריילך. גבאים דארפן האלטן קאפ אויב איינער פעלט, איינער קומט נישט - וואס איז די מעשה, אפשר דארף יענער הילף."

נאכ'ן תיקון האט דער ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען אנשי שלומינו מען זאל אויסנוצן די איבריגע צייט ביז'ן עלות השחר זיך אויסצובעטן ביים אייבערשטן, און דערנאך האט מען געטאנצן מיט גרויס פרייד.

בקדרותא דצפרא איז מען געגאנגען אין מקוה, און דערנאך זיך געגאנגען אביסל צולייגן צו קענען דאווענען אינדערפרי מיט א רואיגן קאפ.

- **ערשטע טאג יום טוב**

צו שחרית האבן מיר ווידער געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט פאר'ן עמוד, געזינגען דעם אהבה רבה מיט א געוואלדיגע התעוררות, און דער הערליכער הלל איז געזינגען געווארן מיט גרויס התרגשות. דערנאך איז מען צוגעגאנגען צו קריאת התורה, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעזאגט די הייליגע אקדמות מיט'ן ניגון, מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש, און אויך געליינט די קריאת התורה מיט די עשרת הדברות מיט גרויס התלהבות. צו מוסף איז צוגעגאנגען צום עמוד מו"ה הערשל שניטצלער הי"ו, א חשובער מלמד אין שטעטל.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען א גרויסער מילכיגער קידוש, דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער דעם וואס מ'עסט מילכיגס, מוהרא"ש זאגט א שיינעם פשט אויף דעם - דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט אז א 'שיין פשט' מיינט ווען דער מענטש ווערט שיין, די עצם פשט מוז נישט אלץ זיין אזוי שיין, דער עיקר איז דער מענטש זאל קענען עפעס ארויסנעמען פונעם פשט און ווערן א בעסערער, שענערער מענטש - זאגט מוהרא"ש אז מיר עסן מילכיגס ווי א קליין קינד וואס עסט נאר מילך, צו ווייזן אז מיר זענען יעצט ווי ניי געבוירן, מ'קען אלץ אנהויבן פון פריש מקבל צו זיין די הייליגע תורה און זיך צוריק קערן צום אייבערשטן, און אפילו ווען די מילך איז שוין פארדארבן, קען מען מאכן דערפון פיינע געשמאקע קעז מאכלים, אפילו ווען א איד שפירט זיך אינגאנצן פארדארבן, זאל ער זיך נישט אראפקלאפן, נאר זיך אויפהויבן און צוריק קומען צום אייבערשטן און צו די תורה, און ער וועט זוכה זיין צו גאר שיינע זאכן. די ארבעט פונעם יצר הרע איז צו זיין א "מלך זקן", ער האט ליב צו דערמאנען אלטע מעשיות, דערמאנען פאר מענטשן אלטע שלעכטע זאכן וואס ער האט געטון און מיט דעם זיי צעברעכן, מיר טארן זיך אבער נישט לאזן פון אים, נאר זיך שטארקן און אנהויבן יעדן טאג פון ניי, ווי א קליין קינד. און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה שליט"א מאריך געווען מיט דברי תורה והתחזקות פון וואס דער עולם האט גאר שטארק הנאה געהאט, ביים סוף האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט אז עס איז כדאי צו מאכן נאכאמאל אינדערהיים א מילכיגע סעודה כדי איבערצוגעבן פאר די קינדער דעם טעם פארוואס מען עסט מילכיגס, אז מ'דארף שטענדיג אנהויבן פונדאסניי.

נאכמיטאג, נאך מנחה, האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעזאגט די "שטר תנאים שבין ישראל לאביהם שבשמים", ווי דער מנהג איז, און דערנאך האט ער ארומגערעדט וואס דער רבי האט געזאגט אז ווער עס וועט זיין ביי אים אין די דריי צייטן ראש השנה, שבת חנוכה, און שבועות, וועט געראטעוועט ווערן פון דעם שווערן עונש פון עולם התוהו. יעדע פון די צייטן באקומט מען אנדערע סארט מתנות פון הייליגן רבי'ן, און יעצט אום שבועות באקומט מען דעם סדר דרך הלימוד, וואס איז א מתנה פאר אונז פון הייליגן רבי'ן, וואס מיט דעם קען יעדער איד האבן א שייכות מיט די הייליגע תורה, אפילו מ'האט נישט קיין איבריגע צייט צו לערנען, מ'האט נישט די פארשטאנד און געדולד צו קענען לערנען, קען מען אבער זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, און ווען א איד זאגט די הייליגע תורה, וועט ער צום סוף זוכה זיין צו קענען פארשטיין אלעס וואס ער האט געלערנט. דערפאר דארף מען זיך זייער פרייען אז מען איז זוכה צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס קיבוץ אום יום טוב שבועות.

דער מדרש זאגט ווען דער אייבערשטער האט געזאגט "אנכי ה' אלקיך" האט משה רבינו געזאגט "ברוך שלא עשני גוי", בפשטות איז דער מדרש זייער פארשטענדליך, ווי נאר דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, האט משה רבינו זיך זייער געפריידט און געדאנקט דעם אייבערשטן אז ער איז א איד. מען קען אבער צולייגן נאך מער, דער הייליגער רבי זאגט אז א איד מוז קוקן גוט אויף זיך, ער מוז טרעפן אין זיך נקודות טובות, אפילו ער זעט אז ער איז ממש גארנישט ווערד, זאל ער זוכן און טרעפן כאטש עפעס איין גוטע זאך אין זיך און זיך פרייען מיט דעם, און אפילו בלויז מיט דעם אז מען איז געבוירן אלס איד, מען האט אים געמאכט א ברית, מיט דעם אליין קען מען זיין זייער פריילך. דער עיקר סיבה פארוואס א איד איז ווייט פונעם אייבערשטן איז נאר ווייל ער קוקט שלעכט אויף זיך, ער איז אראפגעקלאפט ביי זיך. איין מאל א טאג דארף מען זיך אויסרעדן צום אייבערשטן מיט א צעבראכן הארץ, אבער א גאנצן טאג דארף מען זיין זייער פריילך און וויסן אז דער אייבערשטער האט אונז ליב. דעריבער, גלייך ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, האט משה רבינו זיך אנגעהויבן זייער פרייען מיט דעם אז ער איז נישט קיין גוי, ווייל דאס איז די וועג ווי אזוי מען קען זיך האלטן שטענדיג ביים אייבערשטן און ביי די תורה. מיר מאכן א שטר תנאים צווישן אונז און דעם אייבערשטן, מיר ווענלן זיך אלץ האלטן צוזאמען, און קיינמאל נישט אפלאזן איינער דעם אנדערן.

נאך די דרשה איז דער ראש ישיבה שליט"א ווידער צוגעגאנגען צו מעריב.

- **צווייטע טאג יום טוב**

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, אויך דער צווייטער טאג יום טוב איז אריבער מיט גרויס דערהויבנקייט, די תפלות און סעודות און דברי תורה וועלן לאנג געדענקט ווערן ביי אלע באטייליגטע.

אויך דעם צווייטן טאג האבן מיר זוכה געווען צו הערן א שחרית פונעם ראש ישיבה שליט"א, מיט אן התעוררות'דיגן אהבה רבה, און א הערליכע הלל וואס איז צעגאנגען אין אלע ביינער. מוסף האט געדאווענט פאר'ן עמוד מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, דער גבאי פונעם בית המדרש, און דער רעדאקטאר פונעם וועכנליכן הערליכן "קרית ברסלב" צייטונג.

ביים קידוש נאכ'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט פון דעם וואס דער רבי זאגט אין די זיבעטע מעשה פון סיפורי מעשיות איבער דעם בלעטל וואס האט באשיצט, וואס דאס גייט ארויף אויפ'ן לימוד פון א בלאט גמרא יעדן טאג, וואס דאס באשיצט דעם מענטש פון אלעם בייזן. גלייכצייטיג האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די גרויסקייט פון זאגן תהלים, שבועות איז די יארצייט פון דוד המלך, דער רבי זאגט אז דער ספר תהלים איז די התבודדות פון דוד המלך, און דאס איז געשריבן געווארן מיט אזא רוח הקודש אז יעדער איד קען זיך טרעפן אין די ווערטער; צום ווייניגסטנס איין קאפיטל תהלים קען יעדער זאגן יעדן טאג, און אז מען קען מער איז נאך בעסער, און אין די פסוקים פלעכט מען אריין אייגענע תפלות אויף אידיש, מען בעט דעם אייבערשטן אלעס וואס מען דארף. אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט אז מען זאל זיך מאכן עפעס א שיעור צו לערנען יעדן טאג תורה אינדערהיים, דאס איז א סגולה פאר שלום בית, דער מענטש באקומט א חן, און די קינדער וואקסן אויף זעענדיג אז דער טאטע לערנט תורה, און זיי וועלן דאס אויך נאכמאכן, די גאנצע הויז לעבט אויף ווען דער טאטע לערנט און זינגט אביסל תורה אינדערהיים יעדן טאג.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה געבעטן אז יעדער איינער זאל זען צו קומען נאכמיטאג צו נעילת החג און כתובה ליינען, ווייל ער האט גאר א וויכטיגע זאך צו זאגן פאר יעדן, ספעציעל פאר די איינוואוינער פון שטעטל.

- **נעילת החג**

נאך מנחה איז געווען דער נעילת החג, ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעזאגט די שטר כתובה שבין ישראל לאביהם שבשמים, און דערנאך גערעדט דברי חיזוק ווי אזוי מיטצונעמען דעם יום טוב אויפ'ן גאנצן יאר.

דער ראש ישיבה האט נאכאמאל גערעדט איבער די גרויסקייט אז מען זוכה געווען צו זיין ביים רבינ'ס קיבוץ אום שבועות, וואס ווי אויבנדערמאנט ווערט מען געראטעוועט פון עולם התוהו, דער ראש ישיבה האט אבער צוגעלייגט אז דאס איז נישט נאר נאכ'ן שטארבן, נאר אויך אויף די וועלט ווערט מען געראטעוועט פון עולם התוהו, א מענטש וואס לעבט נישט מיט'ן אייבערשטן דרייט זיך ארום דא אויף דער וועלט ווי אין עולם התוהו, עס זעט אויס ווי ער לעבט, ער קומט און גייט, אבער ער פארשלאפט זיינע יארן, און דער רבי וועקט אונז אויף פון שלאף און ברענגט אונז צום אייבערשטן. דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן אז דער יום טוב שבועות ברענגט א רפואה אויף די לונגען, מען באקומט א נייע חיות און לעבן, אז א איד איז מקבל די תורה באקומט ער א נייע לעבן, ער הויבט אן לעבן מיט א פרישקייט אויף דער וועלט, ער באקומט א סיפוק און חיות אין זיין לעבן. דעריבער דארף מען זיך אויפפרישן מיט לימוד התורה, לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, ובפרט אז מיר וויסן פונעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, וועט זיין א גרעסערע פאדערונג אויף אונז אויבן אין הימל אויב מיר לערנען נישט, מיר וועלן זיך נישט קענען ארויסדרייען און זאגן אז מיר האבן נישט געהאט קיין גוטע קאפ, קיין חברותא, קיין ישיבה, קיין כולל, ווייל מיט'ן רבינ'ס דרך הלימוד קען יעדער איד לערנען אין יעדן מצב.

דערנאך איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צו דעם וואס ער האט צוזאמגערופן אלע תושבים פון שטעטל, דאס איז כדי מחזק צו זיין די וויכטיגע און איינציגסטע תקנה וואס דער שטעטל פארמאגט, אז יעדער וואס וואוינט דא מוז האבן שלום בית, ער מוז זיך אויסקומען אין שטוב, לעבן באהבה ואחוה ושלום ורעות; עס זעט אויס מאדנע און לאכעדיג, אבער דאס איז די איינציגסטע וועג ווי אזוי דער שטעטל קען בלייבן ריין און הייליג.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט, "איך קען זיין א שיינער איד און זאגן שיינע זאכן און תקנות וואס הערן זיך געשמאק, אבער דאס איז באמת די וויכטיגסטע זאך פון וואס מען דארף רעדן", מען דארף רעדן שיין איינער צום צווייטן אין א אידישע שטוב, מען דארף האבן געדולד און סבלנות, און דאס איז וואס האלט דעם מענטש הייליג און ערליך, דער ס"ם האט נישט קיין שליטה אויף א הויז וואו מען פארשטייט זיך, וואו מען האט זיך ליב, און מען איז מוותר איינער פאר'ן צווייטן, און שוין אפגערעדט ווען עס קומט צו די קינדער, ווען קינדער וואקסן אויף אין א פריליכע שטוב וואו מען קריגט זיך נישט, וועט זיי קיינער נישט קענען אוועקשלעפן פונעם אייבערשטן. עס איז נישט קיין תירוץ אז מען איז אנגעשטרענגט און מען גייט דורך א שווערע צייט, און דעריבער שרייט מען און מען קריגט זיך אינדערהיים, מען דארף זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות אז עס זאל זיין נאר שלום ושלוה און פרייליכקייט אין א אידישע שטוב, און דאס וועט מאכן די שטעטל פאר א הייליגע און ריינע שטאט.

ויום טוב היה עושה בצאתו בשלום מן הקודש, אום מוצאי יום טוב איז מען זיך צוזאמגעקומען אין שול צו טאנצן און זיך פרייען. פאר לאנגע שעות האט מען געטאנצן בתופים ובמחולות, לעבעדיג און לוסטיג מיט לויב און געזאנג צום אייבערשטן.

דער געהויבענער יום טוב וועט אונז בלייבן אין די ביינער פאר לאנגע יארן, די התחזקות און התעוררות וועט געדענקט ווערן פאר זייער לאנג, און מיט די הייליגע לימודים פון רבי'ן וועלן מיר אלע זוכה זיין צו זיין גרויסע ערליכע אידן.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# דערהויבענער יום טוב שבועות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

גאר א פרייליכער און דערהויבענער יום טוב האבן אנשי שלומינו מיטגעלעבט דעם שבועות אין קרית ברסלב ליבערטי אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, כאיש אחד בלב אחד זענען זיך צוזאמגעקומען הונדערטער אידן פון איבעראל, צו זיין אינאיינעם ביים קיבוץ פון אנשי שלומינו אום יום טוב שבועות, אינאיינעם האט מען גיזאגט נעשה ונשמע, אינאיינעם האט מען מקבל געווען די הייליגע תורה פון דאסניי, זיך אויפגעפרישט און באנייעט צו לערנען די הייליגע תורה, און מקיים זיין די הייליגע מצוות פון די תורה.

ווי באקאנט איז געווען ביים הייליגן רבי'ן דריי צייטן אין יאר וואס די תלמידים זענען זיך צוזאגעקומען ביי אים בחייו, דאס איז געווען אום ראש השנה, שבת חנוכה, און יום טוב שבועות. אויף ראש השנה האט דער רבי געזאגט אז מען זאל ווייטער קומען צו זיין קבר אויך נאך זיין הסתלקות, און ער וועט פועל'ן גרויסע ישועות פאר אלע וואס וועלן זיין ביי אים, ער האט זיך אויסגעדרוקט גאר שטארקע לשונות אויף דעם, "אפילו וועמען איך קען נישט העלפן א גאנץ יאר, קען איך אבער יא העלפן אום ראש השנה", "יעדער וואס גלייבט אין מיר זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן" און אזוי ווייטער, און דעריבער זענען זיך אזויפיל צענדליגע טויזנטער אידן מוסר נפש יאר יערליך צו קומען צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן אויף ראש השנה. אבער אין די אנדערע צוויי צייטן, שבת חנוכה און שבועות, איז מען נאר געקומען צום רבי'ן בחייו, און היינט צו טאגס קומען זיך אנשי שלומינו צוזאם בכל מקומות מושבותיהם, מען נעמט זיך צוזאם צו דאווענען מיט ברסלב'ע חסידים. אין אלע געגנטער זענען זיך אנשי שלומינו צוזאמגעקומען צו דאווענען אינאיינעם אום יום טוב שבועות, און פילע הונדערטער משפחות זענען געקומען צו פארן אויף קרית ברסלב ליבערטי, צו דאווענען און מקבל זיין אינאיינעם די הייליגע תורה, במחיצת דעם ראש ישיבה שליט"א.

- **הכנות צום הייליגן יום טוב**

די הכנות צום הייליגן יום טוב האט זיך שוין אנגעהויבן עטליכע טעג פריער, אום ראש חודש סיון איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן געבן שיעורים פאר אנשי שלומינו אין עטליכע געגנטער. מאנטאג במדבר ביינאכט איז פארגעקומען א סעודת ראש חודש אין לעיקוואד, ביים נייעם בית המדרש היכל הקודש אין שטאט וואס געפונט זיך אויף 215 East 5th St., פילע ארטיגע אידן זענען געקומען צו די סעודה און דרשה, צו האבן די ריכטיגע הכנה צום הייליגן יום טוב.

ביי די סעודה האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט פון דעם וואס יעדער איד באקומט אן התעוררות אום יום טוב שבועות צו לערנען די הייליגע תורה, מען נעמט זיך פאר פרישע קבלות צו מאכן שיעורים קבועים יעדן טאג צו לערנען די הייליגע תורה, דער פראבלעם איז אבער אז דער יצר הרע טוט אויך זיין ארבעט, וואס דאס איז צו צעברעכן דעם מענטש אז ער וועט שוין נישט מצליח זיין, "זעסט דאך אז דו האסט זיך שוין פארגענומען די פארגאנגענע יאר, און פאר צוויי און דריי יאר צוריק, אז דו שוין גייסט אנהויבן לערנען, און ווי לאנג האט עס אנגעהאלטן? זעסט דאך אז דאס איז נישט געמאכט פאר דיר", דער אמת איז אבער אז דוקא דאס איז די גרויסקייט און חשיבות פון א איד, דער אייבערשטער האט גענוג און נאך מלאכים וואס דינען אים מיט א געוואלדיגע פלאקער און פייער, זיי פאלן קיינמאל נישט אראפ, זיי גייען אן מיט א שטארקייט אן קיין אפשטעל, דאס איז אבער נישט קיין קונץ, דער אייבערשטער האט באשאפן אונז מענטשעלעך מיט א יצר הרע, מיט שוועריקייטן און נסיונות, ער הויבט אן זיין גוט און ער פאלט אראפ, ער הויבט נאכאמאל אן און פאלט נאכאמאל, די גרויסקייט פון א איד איז אז סיי וויפיל מאל ער איז שוין געפאלן, סיי וויפיל מאל ער האט שוין אויפגעגעבן און אויפגעהערט, הויבט ער נאכאמאל אן מיט א פרישקייט; עס קומט נאכאמאל דער יום טוב שבועות, מען זינגט נאכאמאל דעםווארעמען "אהבה רבה", און מען נעמט זיך נאכאמאל פאר צו לערנען די הייליגע תורה.

ווידער זענען דא מענטשן וואס טראכטן אז די תורה איז בכלל נישט געמאכט פאר זיי, עס זענען דא רבנים, דיינים, תלמידי חכמים, שיינע אידן, וואס זיי לערנען תורה, "איך בין נישט אויסגעשטעלט פאר דעם בכלל", אויף דעם האט דער הייליגער רבי אונז געגעבן א גרינגע וועג צו לערנען תורה, א וועג פון וואס קיין איינער קען זיך נישט ארויסדרייען, מען קען זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט און אפילו מען געדענקט נישט וואס מען האט געלערנט, און מיט דעם האט מען די גרויסע מצוה פון לימוד התורה, אויסער וואס אויב א איד וועט זיך שטארקן צו לערנען אויף דעם וועג, וועט ער צום סוף אויך פארשטיין וואס ער האט געזאגט, די תורה וועט זיך אים עפענען, און זיכער וועט זיין נשמה לערנען און פארשטיין אויף יענע וועלט די אלע הייליגע ווערטער פון די תורה וואס ער האט געזאגט אויף די וועלט.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א אסאך גערעדט ביים שיעור פון שלום בית, חינוך הילדים, הפצה, און נאך. דער שיעור איז געווען א געוואלדיגע חיזוק און הכנה צום הייליגן יום טוב פאר די ארטיגע אידן.

דעם קומענדיגן טאג, דינסטאג במדבר, איז פארגעקומען א סעודת ראש חודש אין קרית יואל, ביים בית המדרש היכל הקודש אויף 8 פרימישלאן, אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. מען האט געדאווענט מנחה און דערנאך זיך געוואשן צו די סעודה. דאן האט מען געהערט דברי חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט ארויסגעברענגט אז מען זעט אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די אידן דורך משה רבינו, פארוואס איז די תורה נישט געגעבן געווארן גלייך פונעם אייבערשטער צו די אידן, פארוואס האט מען געדארפט האבן דעם צדיק אלס פארמיטלער אינדערמיט? ווייל מען מוז האבן דעם צדיק צו געבן די חיזוק פאר'ן מענטש אז ער קען אויך האבן א שייכות מיט די הייליגע תורה.

יעדער מענטש זוכט סיפוק און צופרידנהייט אין לעבן, מען פרובירט אויף אלע וועגן דאס צו באקומען, איינער דארף א נייע הויז, א צווייטער א נייע קאר, און אזוי ווייטער זוכט יעדער א וועג צו ווערן פרייליך, טייל פארן ארום איבער די וועלט, מען זוכט וואו צו גיין וואקאציע, יעדער וויל נאר האבן אביסל שמחת החיים; די אלע זאכן העלפן אבער נישט, אפשר פאר א טאג צוויי, א וואך צוויי, איז מען פרייליך דערמיט, אבער עס וועפט אויס גאנץ שנעל, די איינציגסטע זאך וואס קען באמת ברענגען אינערליכע פרייליכקייט און צופרידנהייט אין לעבן, איז נאר לימוד התורה און קיום המצוות, און דעריבער מוז מען האבן א צדיק וואס זאל כסדר דערמאנען דעם מענטש, מחזק זיין דעם מענטש, און אים ווייזן א וועג ווי אזוי ער קען אויך זוכה זיין צו לערנען תורה, אז ער קען זיך אויפהויבן אלעמאל, נישט קיין חילוק וואס ער איז אלץ דורכגעגאנגען אין לעבן.

און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט גאר אסאך שיינע נקודות פונעם הייליגן יום טוב שבועות, וואס האט אריינגעברענגט א געוואלדיגע התחדשות אין די צוהערער.

דאנערשטאג נאכט במדבר איז פארגעקומען די וועכנטליכע שיעור התחזקות, אבער אנדערש ווי געווענליך וואס עס קומט פאר אין ישיבה אין ווילאמסבורג, איז עס דאס מאל געווען אין בארא פארק, אינעם נייעם בית המדרש היכל הקודש, וואס געפונט זיך אויף 4801 11th St., עס איז זיך צוזאמגעקומען א גרויסער עולם פון איבעראל מיטצוהאלטן דעם שיעור הכנה לקבלת התורה, וואו מען האט ווידער ארומגערעדט גאר אסאך שיינע חיזוק והתעוררות אויף יום טוב. דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז דעם רבי'נ'ס התעוררות איז גאר אן אנדערע סארט התעוררות, עס איז נישט אז מען האט אפגעזינגען א שיינע ווארעמע אהבה רבה, מען האט געשפירט א געוואלדיגע התעוררות, און נאכדעם לעשט זיך אויס און מען ווייסט נישט ווי אזוי עס צו נוצן אין לעבן, נאר דער רבי געבט אויך די כלים אז די התעוררות זאל אנהאלטן אויף ווייטער, ער געבט אונז א וועג ווי אזוי זיך צו שטארקן און קענען לערנען יעדן טאג.

דער סדר דרך הלימוד איז נישט געמאכט נאר פאר 'שוואכע', נאר יעדער איינער קען דאס נוצן, אפילו די וועלכע זענען זוכה צו לערנען און פארשטיין די הייליגע תורה, מאכט זיך אבער אזויפיל ליידיגע צייט וואס מען קומט נישט אן צו לערנען, ווען מען האט נישט קיין חברותא, קיין שיעור, ווען עס קומט שבת ויום טוב, ווען מען דארף פארן ערלעדיגן זאכן דא און דארט, אדער סתם אזוי ווען דער קאפ איז נישט אויפ'ן פלאץ און מען קען זיך נישט קאנצעטרירן, זאל מען נעמען די הייליגע תורה און זאגן די ווערטער, וואס דאס רייניגט און הייליגט דעם מענטש און ברענגט אים אלעס גוטס. אנשטאט צו ליינען נארישע לופטיגע צייטונגען און מאגאזינען, אנשטאט צו זיין פארנומען מיט'ן טעלעפאן, אנשטאט צו רעדן פאליטיק און אויפווייזן אז דער איז גערעכט און יענער איז נישט גערעכט, דער איז אויסגעהאלטן און דער צווייטער איז נישט, זאל מען נעמען די הייליגע תורה, זאגן די הייליגע ווערטער, און זיך איינקויפן אמת'ע גוטס וואס בלייבט אויף אייביג.

ווען עס קומט דער יום טוב שבועות דארף מען זיין זייער פרייליך, דער הייליגער רבי האט זיך אמאל געטראפן שבועות ביינאכט מיט הרה"ק רבי מאטעלע טשערנאבלער זי"ע, און זיי האבן געטאנצן און זיך געפריידט די גאנצע נאכט, נישטא קיין גרעסערע שמחה פון דעם וואס מען איז זוכה זיך צו באנייען מיט די הייליגע תורה, מקבל זיין די הייליגע תורה, נאר דאס מאכט פרייליך דאס לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דער שיעור האט זיך אריינגעצויגן ביז שפעט, אבער דער עולם איז געזעסן מיט אפענע מיילער און אפענע הערצער, מען האט געשלינגען יעדעס ווארט, און באקומען א קלארע בליק ווי אזוי זיך צוצוגרייטן צום הייליגן יום טוב.

די אלע דריי שיעורים קען מען הערן אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין.

- **שבת דרך ארץ**

די חשובע איינוואוינער אין קרית ברסלב האבן ברייט געעפנט זייערע הערצער און הייזער, אריינצונעמען די פילע הונדערטער משפחות וואס זענען געקומען צו פארן אויף

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

החתן **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **דוד ראבינאוויטש** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## שיעורים אין חינוך

לענגערע און קורצערע שיעורים, עצות און חיזוק, ווי אזוי מחנך צו זיין די קינדער אויפ'ן ריכטיגן און תורה'דיגן וועג מיט הצלחה

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 4, 2**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >

הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב לע"נ ברכה בלה יהודית ע"ה בת הרב יעקב גדליה ז"ל